# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:55
מוצאי שב"ק......................8:27

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................הושע ח'-ט'
בבלי........................יבמות י"ט
ירושלמי..........בבא מציעא כ'
תוספתא......................חולין ז'
רמב"ם..........טומאת צרעת ה'

פרשת שמיני, פרשת פרה, מברכים חודש ניסן, כ"ג אדר ב', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 30 (545)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיב עֶס הָאט "סְנַפִּיר - פְּלוּס פֶּעדֶערְן" וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'), וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין "בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב", פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן וִוי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועְרְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, "אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קל"ט, ח') "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְלִיעֶט אִין הִימְל, עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער, עֶר דַארְף אַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער אוּן נָאךְ בֶּעסֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט מִיט'ן מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ דְרֵיי אוֹיס אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען אִיז שׁוֹין צוּרִיק בַּיי אִים.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז דָא; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פִישׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) "וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ", אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) "הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם", אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'", קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז וִוי אַ פִישׁ וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

דֶער אִיד דַארְף אָבֶּער הָאבְּן "סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת", פוּן אֵיין זַייט "סְנַפִּיר - פְּלוּס פֶּעדֶערְן" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", דָאס מֵיינְט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה נ"א:), אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז דִי פִישׁ הָאט "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "סְנַפִּיר - פְּלוּס פֶּעדֶערְן", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁמִינִי תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'בֶּעט, מְ'שְׁרַייט, אוּן מְ'רֶעגְט זִיךְ

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת, צוּ מְוַתֵּר זַיין אוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אִיז גָאר אַ גוּטֶע אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זַאךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְּן דִי וִויכְטִיגֶע מִדָּה, וֶוער עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, סַיי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צִי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה, מִיט אִידְן אִין שׁוּל, אָדֶער מִיט סַיי וֶועמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט צוּ טוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַארְף מֶען אַלֶעמָאל מְוַותֵּר זַיין. וֶוער עֶס אִיז מְוַותֵּר - דֶער גֶעווִינְט.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד דִי מִדַּת הַוַתְּרָנוּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עֲקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז מְ'זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אָבֶּער אַלֶעמָאל אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מְ'זָאל אִים בַּאדִינֶען פַאר אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוָואלְט בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעדוּנְגֶען אַ שַׁמָּשׁ וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען, אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעצָאלְט אַ גֶעהַאלְט.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פוּל מִיט
<<<<<<

## א גוט ווארט

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, אִיר טוּט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט שְׁלֶעכְט, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט קְרַאנְק; דָאס אִיז דִי מִלְחָמָה וָואס יֶעדֶע אִיד גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט שְׁווֶערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַמָאל קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן, מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען טוּט נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת וְכוּ' - דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַ פַּאטְשׁ פַאר מִיר, אַ פַּאטְשׁ פַאר דִיר - דֶער עִיקָר אִיז וֶוער וֶועט גֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ"; אַזוֹי וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הַיינְט הָאט דֶער יֶענֶעם אָפְּגֶעטוּן, מָארְגְן קוּמְט יֶענֶער אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק, אַזוֹי גֵייט דָאס אַהֶער אוּן אַהִין, וֶוער אִיז דֶער גֶעווִינֶער? דָאס זֶעט מֶען בַּיים סוֹף.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחְנִיוּת, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מִלְחָמָה, דֶער עִיקָר אִיז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אִיךְ זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן'.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט קַיין טֶערֶעפִּי, טֶערֶעפִּי אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס אִיז אַ וֶועג פוּן מַאכְן גֶעלְט אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן. נֶעמְט דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן - וֶועט אִיר אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן; דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דִי עֵצָה פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן אִים דַאנְקֶען; דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע טֶערֶעפִּי, דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צוּ תשפ"ב)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פַּרְשַׁת פָּרָה, וָואס מֵיינְט עֶס פַאר אוּנְז?

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא-פָּרָה, י"ז אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ׳ע חֲבוּרָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**
**בְּרֶסְלֶב בִּירוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, דָאס זָאלְט אִיר לֶערְנֶען צוּזַאמֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אַז בְּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט פָאר זָאל מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן; עֶס דַארְף זַיין שְׁטִיל, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי גוּטֶע עֵצוֹת.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן טָהֳרַת יִשְׂרָאֵל, דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה; מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַיֵּים (הוֹשֵׁעַ יד, ג): ׳וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ׳, דָאס אִיז דִי הֲכָנָה צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח, כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לִטָּהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְטַהֵר פוּן טֻמְאַת מֵת? דוּרְךְ: ׳וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ׳, מִיטְ׳ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ, שָׁם): "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה׳, אִמְרוּ אֵלָיו כָּל תִּשָּׂא עָוֹן וְקַח טוֹב, וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ"; אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען רֵיין פוּן אַלֶעס אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳; אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ; עֶר וֵויינְט צוּ אִים: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וִויפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין וואוֹיל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ!**" דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוּן נֶעמְט אִים צוּרִיק.

בִּפְרָט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים גֶעפַאנְגֶען אִין זַיין נֶעץ, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי מִיאוּסֶ׳ע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עֶר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל בֶּאֱמֶת טוּן, עֶר זָאל זָאגְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בֶּאֱמֶת וִויל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן**"; וֶוען מֶען טוּט דָאס, מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶע זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; יֶעדֶער זָאל לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא. גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דֶעם יֵצֶר הָרָע; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", ׳תַּלְמוּד׳ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶּער מַיין הַארְץ אִיז מִיט עֶנְק; אִיךְ טְרַאכְט פוּן עֶנְק אוּן אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף, וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תש"פ)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

רוֹיךְ. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעלִיטְן פוּן אַ לוּנְגֶען אַנְטְצִינְדוּנְג, וָואס רוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזֶען אַז דָאס קוּמְט פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ׳ן אוֹיוְון, עֶר הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער אַז דִי הוֹיז זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן. דֶער שַׁמָּשׁ אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג, פַארְוָואס עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען צָאלְט אִים דָאךְ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דָא זִיצְט עֶר אוּן עֶר דְרִימְלְט?!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעוֵוייְנִיג צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׁמָּשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אוֹיסְלוּפְטֶערְן דִי שְׁטוּבּ. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעט מֶען, דִי צְוֵוייטֶע מָאל שְׁרַייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ; אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרִיטֶע, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"...

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֵיינְט עֶר אַז עֶר וֶועט יֶענֶעם גוּט אַרַיינְזָאגְן אוּן מִיט דֶעם וֶועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דָאס קֶען אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַחְלוֹקֶת פוּן וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט נָאר לַיידְן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט.

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת קוּמְט צוּנִיץ אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן. אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְלַאנְגְט פוּן זִיךְ מֶער פוּן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס. דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אוּן וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ טוּן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל. פַארְקֶערְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיפְקוּקְן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אוּן אַרַיינְכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אַ וַתְּרָן, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי, דֶער מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ, ווִילְן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, נָאר זֵיי רוֹדְפְ׳ן דֶעם צְוֵוייטְן בִּיזְ׳ן סוֹף, דַאן וֶועט פַּאסִירְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אָדֶער וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְן אַזוֹי צֶעדְרִיקְט אוּן צֶעקְלַאפְּט בִּיז עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ, אָדֶער וֶועלְן דִי קְרִיגֶערֵייעֶן פִירְן צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיף בֵּיידֶע פֶעלֶער וֶועלְן בֵּיידֶע לַיידְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע וֶועלְן לַיידְן דִי קִינְדֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין פִילֶע צָרוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער, כָאטְשׁ וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לֶערְנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף דָאס אָבֶּער צוּגֵיין אוֹיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן וַתְּרָנוּת, וַוייל אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עֶקְסְטְרֶעם, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁכֵנִים זֶעט מֶען דָאס גָאר שְׁטַארְק, אַז נָאר מִיטְ׳ן מְוַותֵּר זַיין קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. מֶענְטְשְׁן צוּקְרִיגְן זִיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים פַאר קְלֵיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם מִיסְט זֶעקְל דָא אָדֶער דָארְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַאכְן אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט וואוּ עֶר וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט צוּ לֵייגְן, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע קְלֵיינֶע זַאכְן. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט אַ שָׁכֵן דַארְף מֶען זַיין גוּט, מֶען וואוֹינְט דָאךְ אִין אֵיין הוֹיז מִיט יֶענֶעם, טִיר בַּיי טִיר, אוּן פוּן זַיין צֶעקְרִיגְט וֶועט נָאר אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר בֵּיידֶע. מִיט דֶעם וָואס מֶען מְוַותֵּר זַיין פַאר יֶענֶעם, וֶועלְן בֵּיידֶע נָאר פַארְדִינֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זוּכְט נָאר אַז יֶענֶעם זָאל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֵיין אוֹיךְ גֵיין גוּט, אוּן פַארְקֶערְט אֵיינֶער וָואס זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה אוּן נִישְׁט יֶענֶעמְ׳ס, דֶעם וֶועט פַאר אִים אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זַיין גוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ וַתְּרָן)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קלד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי זָאגְט פָּאר פַאר ר׳ נָתָן דֶעם סֵפֶר הָא־ב [סֵפֶר הַמִדוֹת] פוּן זַיין הֶעפְט, אוּן ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט עֶס אָפּ.**

דֶער סֵפֶר הָא־ב וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט, אִיז גֶעוֶוען פִּיל גְרֶעסֶער פוּן וָואס מִיר הָאבְּן, טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֶעבְּן אוּן אָפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, הָאט עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן זַיין הֶעפְט פַאר רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן, נָאר עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין מַטְרִיחַ גֶעוֶוען פָּארְצוּזָאגְן מִיט זַיין הֵיילִיג מוֹיל וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן זַיינֶע כְּתָבִים, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

מֶען הָאט גֶעהֶערְט דֶעמָאלְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז אוֹיפְ׳ן אוֹת "רְפוּאָה" אַלֵיין הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ בּוֹיגְנְס כְּתָבִים, עֶר הָאט עֶס אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֶעבְּן.

אוֹיךְ אִיז בַּיים רֶבִּי׳ן גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ דִי מַרְאֵי מְקוֹמוֹת צוּגֶעצֵייכְנְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע הַשָּׂגוֹת אוּן מִדוֹת, וֶוען עֶר הָאט עֶס אָבֶער פָּארְגֶעלֵיינְט פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְמַאנֶען דִי מַרְאֵי מְקוֹמוֹת.

**תפז**

אִין יֶענֶע צַייט הָאט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט אִין אַ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט רֶבִּי נָתָן. גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשֶׁעמֶען אוּן זָאגְן, "דוּ בִּיסְט אַן אִישׁ מְכוּבָּד?!", אוּן עֶר הָאט אִים וַוייטֶער אַרַיינְגֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְוַוייל וַוייטֶער גֶעגֶעסְן וִוי גֶעוֶוועְנְלִיךְ. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ וֵייס נִישְׁט! אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אַ מֶענְטְשׁ, הֶערְט עֶר אוֹיף צוּ עֶסְן, אוּן דוּ עֶסְט?!" רֶבִּי נָתָן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר וַוייטֶער גֶעגֶעסְן. דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הֵייס דִיר טַאקֶע, זָאלְסְט נִישְׁט עֶסְן!", דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם לֶעפְל אוּן מֶער נִישְׁט גֶעגֶעסְן.

[רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ תַּלְמִיד שֶׁאֵינוֹ הָגוּן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים פַארְשֶׁעמְט, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר זַיין אַ תַּלְמִיד הָגוּן].

נָאךְ שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג, אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

<<<<<< נייעס

צו נעמען אין די הענט אריין, דארף א איד וויסן אז ס'איז קיינמאל צו שפעט, מ'קען אייביג אנהויבן פון ניי, ווען מ'דערמאנט זיך נאר קען מען גלייך צוריק קומען צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער נעמט אויף יעדן איינעם, סיי ווען, מיט ברייטע ארעמעס.

נאך ברכת המזון האבן עטליכע טאלאנטפולע אינגעלייט אויפגעשפילט א הערליכע פארשטעלונג ארויסצוברענגען די נארישקייט פון מענטשן וואס זוכן א לעזונג פאר זייערע פראבלעמען איבעראל נאר נישט ביים אייבערשטן, ובפרט מיט טערעפי וואס פארנארט מענטשן אז מען גייט געהאלפן ווערן, און צום סוף זעט מען זיך ביים זעלבן פלאץ וואו מען האט אנגעהויבן, ווען מען נעמט אבער די עצות פון הייליגן רבי'ן, גייט מען ארויס פון אלע סארט פראבלעמען, מען ווערט געהאלפן מיט אלעס וואס מ'דארף, ספעציעל אז מען נעמט די עצה פון התבודדות מיט א שטארקייט, זיך אויסצורעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך אלעס וואס ליגט אויפ'ן הארץ.

די אנוועזנדע האבן גאר שטארק הנאה געהאט פונעם שפיל, וואס איז געווען גאר אינטערעסאנט און פרייליך, און צו די זעלבע צייט שטארק ארויסגעברענגט דעם מוסר השכל.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ פֶּסַח פְרֵייליכֶערְהֵייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען הָאבְּן אַ פְרֵייליכֶע יוֹם טוֹב, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ אַ יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן שִׂמְחָה, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פוּן אַ רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט. אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן וִוי אַזוֹי מְ׳דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְ׳ן רֵיינִיגְן לִכְבוֹד פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ נָארְמַאלְן אוֹפָן, נִישְׁט מִיט קַיין מְשׁוּגַעַת׳ן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פִּקוּדֵי, י״ח אֲדָר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם ס״מ אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, מַה שֶׁאֵין כֵּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעְט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵייליךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה׳, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קסט).

בִּפְרַט וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, וַוייל פֶּסַח גֵייט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", דַארְף מֶען נָאכְמֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן דֶעם אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אִים אַוֶועק גַנְבְ׳נֶען זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן זַיינֶע קְדוּשׁוֹת, עֶר זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער טַאטֶע זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ צֶעאַנְפֶּערְן וְכוּ׳.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז ׳שְׁטוֹיבּ אִיז חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי קָרְבַּן פֶּסַח׳. מוֹהֲרָ״אשׁ פְּלֶעגְט זָאגְן: "מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט פֶּסַח׳דִיג אַז שְׁטוֹיבּ אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסַח", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַשֶׁהוּ כַּעַס אִיז מִדְאוֹרַיְיתָא אוּן אַ מַשֶׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָמוּר - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתָּם חוּמְרוֹת, אָבֶער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִידוּרִים וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי׳ וְכוּ׳", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַאי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת; עַיֵּין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ׳ אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?׳ דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען "קְוַואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אַלֵיינְס".

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שִׂמְחָה א) "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשע"ח)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## תורה וועלט באוויינט די פטירה פון

## הגאון הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל

"נהפך לאבל מחולנו" האט זיך ארויס געשריגן פון די הערצער פון כלל ישראל, ווען מען האט געהערט פארגאנגענעם ערב שבת קודש, שושן פורים, אז דער גאון וצדיק וואס האט געשאקלט וועלטן מיט זיינ'ס א ווארט, איז נסתלק געווארן לחיי העולם הבא, צום ווייטאג פון אלע שיכטן פון כלל ישראל.

שבת קודש, ווען עס איז אויסגעקומען פאר'ן ראש ישיבה שליט"א צו רעדן ביי סיפורי מעשיות און ביי שלש סעודות, האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די גרויסע התמדת התורה פונעם גרויסן גאון, ווי ער האט יעדעס יאר מסיים געווען ערב פסח ביי תענית בכורים נישט איין מסכת נאר כל התורה כולה. יעדע רגע איז געווען ביי אים אויסגענוצט און אויסגערעכנט, ער האט געהאט שיעורים צו ענדיגן יעדעס יאר, גאנץ ש"ס בבלי, ש"ס ירושלמי, אלע ברייתות, אלע מדרשים, זוהר הקדוש, די ספרי הפוסקים, ווי דער רמב"ם, ארבעה טורים, שולחן ערוך, און נאך, וואס ער האט אנגעהויבן ערב פסח, און געענדיגט מיט צוועלף חדשים שפעטער, און אין אן עיבור יאר, ווי היי יאר תשפ"ב, האט ער עס געענדיגט אום פורים, און פלעגט אויסנוצן דעם צווייטן חודש אדר, דורכצוגיין און מחבר זיין א ספר איבער אן ענין, און יעצט אום שושן פורים, א טאג נאכן מסיים זיין כל התורה כולה צענדליגע מאל, האט ער צוריק געגעבן זיין נשמה צום אייבערשטן, און עס קומט ארויף אויבן א לעבעדיגע ספר תורה, אן אנגעפולטער ארון הקודש מיט צענדליגע מאל כל התורה כולה.

אבער דא קומט דער ס"ם צו גיין און וויל אונז צוברעכן און מאכן טראכטן כאילו דער אייבערשטער האט געגעבן זיין זיסע און לעכטיגע תורה נאר פאר די געציילטע צדיקים און גאונים. "ניין", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, "דער גרויסער גאון רבי חיים זצ"ל איז נישט געווארן א גאון דורך א גוטע קאפ, אדרבה, ער האט אלע זיינע יארן פון אלס קינד נאך ׳געזאגט׳ ש"ס, געזאגט אלע הייליגע ספרים, און ווי דער גאון האט עדות געזאגט אויף זיך, האט ער שוין פאר זיין בר מצוה אנגעהויבן דורכצוזאגן ש"ס, און ווי אלע וואס האבן געזען דעם גאון קענען עדות זאגן, אז אזוי האט ער זיך געפירט כל ימיו, ווי מען האט געזען ווי ער זאגט דורך ש"ס. און, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין שיחות הר"ן סימן ע"ו, "אין צריכים בלימוד רק האמירה בלבד, וממילא יבין", ביים לערנען דארף מען נאר זאגן די ווערטער, און צום סוף וועט מען ממילא פארשטיין. און דאס האט טאקע פאסירט ביים דעם גרויסן גאון, ווי די הייליגע תורה האט געעפנט זיין קאפ, און עס איז נישט דורך קיין לאנגע צייט, און מיט זיין גרויס התמדה האט ער זוכה געווען אז ער האט געקענט כל התורה כולה, יעדע אזוי-גערופענע ׳פארשטופטע׳ מאמר חז"ל, איז געווען ביי אים כמונח בקופסא.

דער גרויסער גאון האט טאקע מעודד געווען אנדערע אז זיי זאלן אויך אזוי טון, און אז מען זאל אויסלערנען פאר די קינדער אז מען זאל ׳זאגן׳ ש"ס און זיך מאכן א ציל צו ענדיגן ש"ס אויף די בר מצוה. דער ראש ישיבה האט געזאגט, יעצט איז די צייט זיך מחזק צו זיין אין התמדת התורה, אנצופילן דעם גרויסן חלל וואס דער גאון האט געלאזט אויף דער וועלט, "הייב אן זאגן ש"ס", האט דער ראש ישיבה געזאגט, "אפשר וועסטו זוכה זיין צו ווערן דער קומענדיגער רבי חיים!"

**דבריהם הן הן זכרונם!**

***

## פרייליכע פורים טעג אין ישיבה

אום פורים נאכמיטאג האבן אנשי שלומינו זיך צוזאם גענומען צו די סעודת פורים בהיכל הישיבה, נאך די סעודה האט מען ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם - וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש - "קימו וקבלו היהודים". ובזמן הזה - אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין. פאר לאנגע שעות האט מען געטאנצן אויף דעם ניגון, "אפילו איך ווייס איך בין געווען נישט גוט, ווייס איך אז איך קען נאכאלץ זיין גוט, הייליגער באשעפער איך הייב אן פון יעצט".

א גרויסער עולם אנשי שלומנו זענען זיך צוזאם געקומען פון נאנט און ווייט זיך צו פרייען אינאיינעם, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

מוצש"ק איז פארגעקומען די סעודת שושן פורים, הונדערטער אידן זענען זיך צוזאם געקומען, מען האט זיך געוואשן צו די סעודה און געזונגען זמירות פון מוצש"ק, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער דעם וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן, "שושן פורים איז אויך פורים", דאס איז געווען ווען רבי נתן האט איין יאר זייער שטארק געוואלט אנקומען צום רבי'ן אויף פורים, אבער למעשה איז ער ערשט אנגעקומען אום שושן פורים. און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז דאס איז א שטארקע לימוד פאר אונז, אז נישט קיין חילוק וואס מ'האט אלץ פארפאסט, אפילו מ'שפירט אז מ'איז אנגעקומען שפעט, מ'האט זיך דערמאנט שפעט זיך

<<<<<<


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## רוסלאנד-אוקריינא

**חיזוק, דרשות, ניגונים, און בריוו; איבער די אנגייענדע מלחמה אין אוקריינא, וואס דארף זיין אונזער בליק, ווי אזוי האלט מען זיך רואיג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 6**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן פארטוגאל** הי"ו

**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**

החתן **שמעון** הי"ו

עב"ג בת מו"ה **אלי׳ קורץ** הי"ו

***

מו"ה **חיים ישעי׳ דעפריס** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק** בן **פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעססעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >